# דעם רבינ'ס ליכט



אײַערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואָס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

במדבר (בחוקותי בחו"ל)
תשפ"ב
גליון 94

## דער ריינער קוואל

**אַ גוטן שַׁבָּת פאַר אַלע לֶעכטִיגע קינדער.**

אַמָאל איז געווען אַ קֶעניג וָואס הָאט געהַאט זעקס זון און אֵיין טָאכְטֶער. טַייעֶרע קינדֶער, אַייך קֶענען זיכֶער די מַעֲשֶׂה פון די פַארְלוֹירֶענֶע קֶעניג'ס טָאכְטֶער.

דער הֵיילִיגֶער רֶבִּי האָט אונז געגעבן אַ געוואַלְדִיגֶע אוֹצָר פון יִרְאַת שָׁמַיִם, אֵיינֶע פון די וואוּנְדֶערְבַּארֶע אוֹצְרוֹת איז דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת פון שָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת.

אין די עֶרְשְׁטֶע מַעֲשֶׂה דערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ווי אַזוֹי דֶער שֵׁנִי לַמֶּלֶךְ איז געגאַנגֶען יָארְן לַאנְג זוכְן די בַּת מֶלֶךְ, און עֶר הָאט זִי געזוכְט אין מִדְבָּרִיּוֹת און אין וֶועלְדֶער און אין פֶעלְדֶער, זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט בִּיז עֶר הָאט זִי גֶעפִינֶען.

טַייעֶרע קינְדֶער די וָואךְ הֵייבְּט מֶען אָן חֻמָּשׁ בַּמִּדְבָּר וואו די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה דערְצֵיילְט אונְז די אַלֶע מַסָּעוֹת וָואס די אִידְן זֶענֶען געגאַנגֶען אין מִדְבָּר בִּיז זֵיי זֶענֶען אַרַיין אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט גֶעצֵיילְטֶע טֶעג פַארְן גְרוֹיסְן טָאג יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, וָואס מִיר וַוארְטְן שׁוֹין און מִיר צֵיילְן שׁוֹין טֶעג מִיט וָואכְן, מִיר וַוארְטְן און בֶּענְקֶען מִיט גְלוּסְטֶענִישׁ וֶוען וֶועלְן מִיר שׁוֹין הָאבְּן די זְכִיָּה זִיךְ צוּ אוֹיסְלֵייטֶערְן און אוֹיסְוַואשְׁן אוּנְזֶערֶע נְשָׁמוֹת כְּדֵי אָנְצוּקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן טָאג, רֵיין און הֵיילִיג.

מִיר דַארְפְן ווִיסְן אַז מֶען דַארף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן אין יֶעדֶע דָבָר שֶׁבִּקְדוּשָּׁה און נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן צוּם בַּיישְׁפִּיל: אַ אִינְגְל הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים אָדֶער מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אָדֶער אַן אַנְדֶערֶע גוּטֶע זַאךְ און דֶערְנָאךְ פַאלְט עֶר, עֶר הָאט מֶער נִישְׁט דֶעם בְּרֶען און חֵשֶׁק דֶערְצוּ.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי "צְרִיכִין לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת ה', וְלֹא יִסְתַּכֵּל עַל שׁוּם דָּבָר". אַזוֹי ווִי דֶער שֵׁנִי לַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ גֶע'עַקְשְׁנְ'ט און עֶר הָאט גֶעזָאגְט עֶס אִיז בְּוַודַּאי יָא דָא! און זִיךְ נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט צוּ די גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט מַחְלִישׁ דַּעַת זַיין.




מִיר הָאבְּן אַלֶע גֶעזֶען די גְרוֹיסֶע נִסִּים וָואס הָאט פַּאסִירְט אִין מִירוֹן בַּיים הֵיילִיגְן הִלּוּלָא פוּן הַתַּנָּא אֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי. לַאנְגֶע חֳדָשִׁים הָאבְּן די סִטְרָא אַחֲרָא גֶעפְּלַאנְט צוּ צֶעשְׁטֶערְן די הִלּוּלָא וָואס אִיז שׁוֹין אֵיינְגֶעפִירְט פַאר הוּנְדֶערְטֶער יָארְן, זֵיי הָאבְּן גֶעבְרֶענְגְט טוֹיזְנְטֶער פָּאלִיצְיַאנְטְן מִיט סָאלְדַאטְן וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעוָואלְט דֶערְשְׁרֶעקְן אַז מֶען זָאל אֲפִילוּ נִישְׁט פְּרוּבִּירְן צוּ קוּמֶען נָאנְט צוּם בַּארְג.

מִיר ווַייסְן אָבֶער אַז הִנֵּה לֹא יָנוּם וְלֹא יִישָׁן שׁוֹמֵר יִשְׂרָאֵל, בִּזְכוּת די תְּפִלּוֹת און די טְרֶערְן פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס אִיז פַארְגָאסְן גֶעוָוארְן בִּפְרָט פוּן די תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן וֶועלְכֶע הָאבְּן אַיינְגֶעריסְן

המשך אויף זייט 7

די מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירט פַאר מֶער פוּן הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק אִין אַלְט שְׁטָאט טְבֶרְיָה. יֶענֶע יָארְן הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אִין טְבֶרְיָה גָאר אַסַאךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן, צְווִישְׁן זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע בְּרֶסְלֶבֶ'ע מִשְׁפָּחוֹת.

רוֹב אִידְן הָאבְּן גֶעשְׁטַאמְט פוּן רוּסְלַאנְד אָדֶער פּוֹילְן, מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט דֶעם לַאנְגְן אוֹיסְגֶעמַאטֶערְטֶע וֶועג אַרוֹיפְצוּקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, שֶׁעפְּן פוּן דִי הֵיילִיגֶע לוּפְט אוּן דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט קְדוּשָׁה אוּן טָהֳרָה.

מִיר בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים וֵוייסְן וִוי שְׁטַארְק דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעמִיט אַרוֹיפְצוּגֵיין קַיין אֶרֶץ הַקּוֹדֶשׁ, אוּן וָואסְפַארַא שִׂמְחָה אִיז גֶעוֶוען וֶוען עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען דָאס אוֹיסְצוּפִירְן. אַזוֹי אוֹיךְ דֶעם רֶבִּי'נְס תַּלְמִיד ר' נָתָן הָאט זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעהַאלְטְן פוּן קוּמֶען מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ צוּ טְרֶעטְן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע עֶרְד אִין דִי שְׁוֶוערֶע מִלְחָמָה יָארְן.



אלט שטאט טבריה

דִי אַיינְוואוֹינֶער פוּן טְבֶרְיָה הָאבְּן קְלָאר גֶעקֶענְט אָנְצֵייגְן וֶוער עֶס אִיז אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער, הָאבֶּנְדִיג מִיט זִיךְ אַ פֶּעקְל סְפָרִים וָואס אִיז גֶעוֶוען פַאר זֵיי וִוי וַואסֶער פַאר אַ דָארְשְׁטִיגְן. אָדֶער וֶוען עֶס קוּמְט דֶער צַייט פוּן חֲצוֹת, הֶערְט מֶען דִי טְרִיט פוּן דִי חֲסִידִים שְׁפַּאנֶענְדִיג צוּם מִקְוֶה זִיךְ צוּ טוֹבְלְ'ן, אוּן פוּן דָארְט צוּ דִי פֶעלְדֶער אִינְדְרוֹיסְן פוּן גֶעגֶנְט, זִיךְ אוֹיסְצוּשְׁרַייעֶן צוּם בַּאשֶׁעפֶער. מֶען וֶועט זֵיי נִישְׁט זֶען סְתָּם פַארְבְּרֶענְגֶען אָדֶער רֶעדְן פָּאלִיטִיק, נָאר שְׁטֶענְדִיג גֵייעֶן זֵיי אַרוּם פַארְבְּרֶענְקְט, זֵיי ווילְן עֶפֶּעס הֶעכֶערְס.

אֵיינֶער פוּן דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים הָאט גֶעהַאט אַ מִנְהָג זִיךְ צוּ טוֹבְלְ'ן צְווֵיי מָאל אִין טָאג. אֵיינְמָאל בַּיי חֲצוֹת, אִינְמִיטְן נַאכְט, אוּן אֵיינְמָאל פַארְן דַאווֶענֶען. אֵיין יָאר אִיז גֶעוֶוען אַ מַאנְגְל אִין וַואסֶער, מֶען וַוארְט שׁוֹין וָואכְן, חֳדָשִׁים אוֹיף אַבִּיסְל רֶעגְן, דִי עֶרְד אִיז פַארְטְרִיקֶנְט, מֶען קֶען נִישְׁט בַּייטְן דִי וַואסֶער אִין מִקְוֶה, בִּלֵית בְּרֵירָה שְׁטֵייט דִי זֶעלְבֶּע וַואסֶער אִין מִקְוֶה, עֶס אִיז כִּמְעַט וִוי אוּמְמֶעגְלִיךְ זִיךְ צוּ טוֹבְלְ'ן דֶערִין.

"צוּלִיב דִי מַאנְגְל אִין וַואסֶער אִיז דִי מִקְוֶה מֶער נִישְׁט אִין בַּאנוּץ", לֵיינְט זִיךְ אַ טָאווְל מִיט גְרוֹיסֶע אוֹתִיּוֹת אוֹיף דֶער פַארְשְׁפַּארְטֶער טִיר פוּן מִקְוֶה. דֶער מִקְוֶה אִיד הָאט גֶעמוּזְט גֵיין זוּכְן אַ צְווֵייטֶע פַּרְנָסָה אוּן פַארְמַאכְן דִי מִקְוֶה.

עֶר אִיז נָאךְ פַארְנוּמֶען מִיטְן מוֹדָעָה אוּן דֶער מִקְוֶה אִיד זֶעט וִוי פוּנְדֶערְוַוייטְנְס דֶער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד קוּמְט צוּ גֵיין, עֶר וִויל גֵיין אִין מִקְוֶה צוּם צְווֵייטְן מָאל אַזוֹי וִוי זַיין סֵדֶר אִיז!

מֶער קֶענְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט פִירְן מִיט דַיינֶע מִנְהָגִים, דָאס אִיז לוֹיט דִי פַארְלַאנְג פוּן דִי רַבָּנִים פוּן שְׁטָאט! עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן טַייעֶר צוּ בַּאקוּמֶען פְרִישֶׁע וַואסֶער. מִיט אַזַא גוּט מָארְגְן הָאט דֶער מִקְוֶה אִיד בַּאגְרִיסְט אוּנְזֶער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חַבֵר.

דֶער חָסִיד אִיז זֵייעֶר פַארְקְלֶעמְט, וֶוער נָאךְ וִוי אִים וֵוייסְט דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן אַ מִקְוֶה, דָאס גִיבְּט דֶעם אִיד אַ תִּקְוָה, אוּן בְּרֶענְגְט גְרוֹיסֶע חֲסָדִים. דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אוּנְז גֶעוָוארְנְט נִישְׁט צוּ פַארְפַּאסְן קַיין מִקְוֶה.

אוֹיפְן פְּלַאץ דֶערְמַאנְט עֶר זִיךְ דֶעם רֶבִּי'נְס וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצָה, וָואס גִיבְּט דֶעם מֶענְטְשׁ אַ פְּלֵייצֶע, עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל צוּם בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַ תְּפִלָּה, אוּן מְבַטֵל זַיין דֶעם שְׁוֶוערְן גְּזֵרָה: "בַּאשֶׁעפֶער,

המשך אויף זייט 4

# אִיךְ לוֹיף!

טַייעֶרע קִינְדֶערְלֶעךְ, אִיךְ זֶע וִוי אַייךְ לוֹיפְן אַרוּם מִיט אַ פְּרִישְׁקֵייט אִין שׁוּל אוּן אִין דִי גַאסְן, אַייךְ פָּארְן אִין חֵדֶר אַרַיין טָאג אֵיין טָאג אוֹיס. ווַיל אִיךְ אַייךְ עֶפֶּעס דֶערְצֵיילְן. לֵיידֶער קֶען אִיךְ נִישְׁט גֵיין אוֹיף מַיינֶע אֵייגֶענֶע פִּיס, אִיךְ זִיץ אִין אַ רָאד-שְׁטוּל, אוּן נָאר מִיט דִי הִילְף פוּן מַיין נָאנְטֶער חָבֵר, אוּן נָאךְ נָאנְטֶע גוּטֶע יְדִידִים בִּין אִיךְ צוּקוּמֶען צוּ וואוּ אִיךְ שְׁטֵיי הַיינְט, וִוי אִיךְ וֶועל שׁוֹין דֶערְצֵיילְן.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ בִּין נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס לִיכְטִיגְקֵייט, אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ, וֶוען בֶּעפָאר בִּין אִיךְ צוּלִיבּ מַיין מַצָּב גֶעוֶוען זֵייעֶר זֵייעֶר אִין אַ שְׁוֶוערֶע צוּשְׁטַאנְד וֶוען אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען הָאט אִיךְ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט צוּלִיבּ וָואס דֶער מָארְגְן אִיז גֶעקוּמֶען, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעוַוארְט צוּ זֶען דִי שְׁטֶערְנְס פוּן דֶער נַאכְט. אִיךְ קֶען נִישְׁט צוּפִיל אַרוֹיסְשְׁרַייבְּן, אָבֶּער מֶען קֶען גַאנְץ קְלָאר פַארְשְׁטֵיין וָואס דָאס מֵיינְט אַז דוּ ווִילְסְט גֵיין אִין מִקְוֶה, אָבֶּער דוּ דַארְפְסְט הִילְף פוּן מֶענְטְשְׁן, דוּ ווִילְסְט דַיינֶע פְּרִיוַואטֶע מֶענְטְשְׁלִיכֶע גֶעבְּרוֹיכְן מוּזְטוּ אָנְקוּמֶען צוּ רֶעכְל אוּן מֶעכְל.



אַ סֵפֶר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן שַׁאפֶע, דַארְפְסְטוּ ווִידֶער בֶּעטְן פוּן אַ אִינְגְל אַ בָּחוּר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, אוּן אֲפִילוּ אָנְטוּן תְּפִלִּין וָואס אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער בַּר מִצְוָה בָּחוּר'ל טְרַאכְט נִישְׁט צְוֵויי וָואס עֶר טוּט אוּן שׁוֹין, אִין ווֶוינִיגֶער פוּן אֵיין מִינוּט אִיז עֶר שׁוֹין בַּאצִירְט מִיט זַיין הֵיילִיגֶע תְּפִלִּין, דָאס קְרוֹין פוּן אַ אִיד!

בַּיי מִיר נֶעמְט לֵייגְן תְּפִלִּין גָאר אַ לַאנְגֶע צַייט, אוּן נָאר מִיט הִילְף פוּן אַנְדֶערֶע. פַארְגֶעס נִישְׁט אַז וֶוען אִיךְ דַארְף אַ קַאוֶוע נָאכְן דַאוְוענֶען, שׁוֹין ווִידֶער טוֹבוֹת פוּן דֶער גַאנְצֶער קְהִלָּה! אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ דַאנְק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ פַאר מַיין לֶעבְּן, אִיךְ בִּין אַ אִידִישׁ קִינְד וָואס דֶער



# אֵיין מַעֲשֶׂה'לֶע

דֶער בַּאשֶׁעפֶער בַּאווַייזְט ווּאוּנְדֶער
פַאר זַיינֶע לִיבֶּע קִינְדֶער

אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט פוּן מִיר נַחַת אוּן עֶר הָאט מִיר לִיבּ ווִי אַן אֵייגְן קִינְד אוּן אַלֶעס וָואס עֶר טוּט אִיז דָאס דִי בֶּעסְטֶע אוּן שֶׁענְסְטֶע פַאר מִיר.

וָואס אִיז גֶעשֶׁען נָאכְן ווֶוערְן נָאנְט צוּם רֶבִּי'ן? אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן! פְּשׁוּט גֶערֶעדְט, לֶעבְּן! מַיין דַאוְוענֶען הָאט אַן אַנְדֶערֶע בַּאדֵייט, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן מֶער לֶערְנֶען (אִיךְ דַארְף אַ חַבְרוּתָא) מִשְׁנָיוֹת, מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ. הָא, דֶער תִּיקוּן הַכְּלָלִי, אַיי ווִי זִיס דָאס אִיז!! אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה. אוּן יָא וֶועסְט נִישְׁט גְלֵייבְּן, אִיךְ גֵיי שׁוֹין אִין מִקְוֶה עֶטְלִיכֶע מָאל אִין וָואךְ אוּן צוּמָאל אֲפִילוּ שַׁבָּת! דָאס אִיז פַאר מִיר אַ גְרוֹיסֶע נֵס!

זַייעֶנְדִיג אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אַז אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאוְוענֶען יֶעדְן טָאג פַארְן זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט. דָאס אִיז פַאר מִיר אַזוֹי ווִי אֵיינֶער הָאט גֶעוּוִינֶען אַ לָאטֶערִי פוּן זִיבֶּעצִיג מִילְיָאן דָאלַאר אוּן נָאךְ דְרַיי הוּנְדֶערְט מָאל אַזוֹיפִיל! מֶען קֶען עֶס בִּכְלָל נִישְׁט אָפְּשַׁאצְן, אַז אִיךְ אִין מַיין מַצָּב זָאל קֶענֶען זַיין גְרֵייט יֶעדְן טָאג אִין דֶעם צַייט, אוּן הָאבְּן אַ גֶעטְרַייעֶר חָבֵר זָאל מִיר בְּרֶענְגֶען אִין שׁוּל פַארְן נֵץ.

נָאכְדֶעם אִיז גֶעשֶׁען צוּ מִיר נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע נֵס אַז נָאךְ עֶטְלִיכֶע יָאר פוּן בֶּענְקֶען אוּן כְּסוּפִין בִּין אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה צוּ אוֹיפְשְׁטֵיין יֶעדְן טָאג בַּיים עֲלוֹת אוּן אִיךְ קֶען שׁוֹין זַיין גְרֵייט אוֹיף וָתִיקִין אוּן אִיךְ הַאלְט שׁוֹין בַּיי אַ מַצָּב בליעה"ר אַז אִיךְ דַאוְוען יֶעדְן טָאג וָתִיקִין דָאס אִיז דֶער חָלוֹם פוּן מַיין לֶעבְּן וָואס אִיךְ הָאבּ אַלֶעמָאל גֶעבֶּעטְן דֶערְצוּ. לָאמִיר צוּלֵייגְן צוּם קָאמְפָּאט נָאךְ אַ פַיין שְׁטִיקְל

המשך אויף זייט 4

## איין מעשה'לע

המשך פון זייט 3

מְזוֹנוֹת!! דֶער נֵס עֶנְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דֶעם נָאר אִיךְ בִּין שׁוֹין זוֹכֶה צוּ דַאוְוענֶען וָתִיקִין אוֹיךְ שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ אַ לַאנְגְן שַׁבָּת אִיךְ קֶען זָאגְן תְּהִלִּים אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן נָאךְ פְּרִיוַואטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ דַארְף, אוּן עֶטְלִיכֶע מָאל הָאבּ אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי פַאר וָתִיקִין!!

יָא, בָּחוּר'ל פַאר דִיר אִיז עֶס נַאטוּרְלִיךְ, דוּ טַאנְץ אַרַיין אִין מִקְוֶה בִּזְרִיזוּת אֵיינְס צְוֵויי, אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר בָּחוּר קֶען עֶס מַאכְן אִין וֶוייניגֶער פוּן פִינְף מִינוּט, פָּאלִיטִיק רֶעדְט עֶר סַיי נִישְׁט אוּן זִיכֶער נִישְׁט אִין מִקְוֶה, אָבֶּער מִיר קֶען עֶס דוֹיעֶרְן גָאר גָאר אַ לַאנְגֶע צַייט, אוּן פַארְגֶעס נִישְׁט אִיךְ דַארְף אַ גַבַּאי אוֹיךְ!

פָארִיגֶע וָואךְ שַׁבָּת, בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אֵיין שָׁעָה פַארְן עֲלוֹת הַשַּׁחַר, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט אַרוֹיסְגֵיין אוּן זָאגְן אַ בִּרְכַּת אֲשֶׁר יָצַר! מַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועל אִיךְ בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט אוֹיפְוֶועקְן, מַיין חָבֵר וָואס קוּמְט מִיר נֶעמֶען וֶועט קוּמֶען נָאר אִין אַ שָׁעָה אַרוּם, וָואס טוּט מֶען?! בְּלֵית בְּרֵירָה הָאבּ אִיךְ פְּרוּבִּירְט אַלֵיין אַרָאפְּגֵיין פוּן בֶּעט... אָבֶּער... אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן גֶעכַאפְּט אַפָּאר גוּטֶע קְלֶעפּ, יִסוּרִים הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט, אִיךְ לִיג אוֹיף דֶער עֶרְד אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אוּמְבַּאהָאלְפְן וֶוען דִי יִסוּרִים לָאזְן נִישְׁט נָאךְ.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גְלַייךְ דֶערְמַאנְט וֶועמֶענְ'ס חָסִיד אִיךְ בִּין, דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט 'גָאר מַיין זַאךְ אִיז תְּפִלָּה': "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף דַיין אוּמְבַּאהָאלְפְן קִינְד, אִיךְ דַארְף מַיינֶע פְּרִיוַואטֶע צְרָכִים, אִיךְ לִיג אוֹיף דֶער עֶרְד אַייְנְגֶעטְרִינְקְן אִין יִסוּרִים". וֶוען אִיךְ עֶנְדִיג מַיין תְּפִלָּה אִיז גֶעשֶׁען עֶפֶּעס וָואס אִיךְ וָואלְט אִין וִויסְטְן חָלוֹם זִיךְ נִישְׁט פָארְגֶעשְׁטֶעלְט. מַיין גֶעטְרֵייעֶר חָבֵר אִיז דָא!! עֶס אִיז אֵיין שָׁעָה פַארְן עֲלוֹת אוּן עֶר אִיז דָא!

"וואוּ קוּמְסְטוּ אַהֶער?! דוּ דַארְפְסְט דָאךְ קוּמֶען בַּיים עֲלוֹת?" פְרֶעג אִיךְ מִיט נַייגֶער: אוּן דֶער עֶנְטְפֶער הָאט נִישְׁט גֶעוַוארְט צוּ קוּמֶען: "אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט פְרִי, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר, לָאמִיר זֶען וָואס מֹשֶׁה מַאכְט, אֶפְשָׁר דַארְף עֶר עֶפֶּעס הִילְף בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען צוּ גֵיין!!"

אַזַא נֵס! מַיין חָבֵר ווֹאוּנְט נִישְׁט אַרִיבֶּער דֶעם גַאס, עֶס נֶעמְט אַ פִינְף-זֶעקְס מִינוּט פוּן זַיין שְׁטוּבּ בִּיז צוּ מִיר, אָבֶּער אַ גוּטֶער חָבֵר שְׁפִּירְט, עֶר אִיז דָא!

אָבֶּער ווִי אַזוֹי הֵייבְּט מֶען מִיךְ אוֹיף?! אִיךְ פַארְמָאג גַאנְץ אַ גְרוֹיסֶער גוּף אוּן מַיין חָבֵר אִיז אַ קְלֵיינְטְשִׁיגֶער אַייְנְגֶעדַארְטֶער! אַהֶער אַהִין, מִיט אַלֶע סָארְטְן פַּאטֶענְטְן אוּן דְרָכִים הָאבְּן מִיר זִיךְ בֵּיידֶע גֶעשְׁטַארְקְט, בִּיז אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּרִיק דֶערְזֶען אוֹיפְן בֶּעט, אוּן פוּן דָארְט צוּרִיק אוֹיף מַיין רָאד-שְׁטוּל, אוּן יָא! אִיךְ הָאבּ נָאךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, תְּפִלַּת וָתִיקִין, תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, אַ פַיין שְׁטִיקְל קוּגְל וַוייל עֶס אִיז בְּוַודַאי יָא דָא!!

**מֹשֶׁה**

## דעם רבי'נס לייט

המשך פון זייט 2

דִי רֶעגְן לִיגְט דָאךְ אִין דַיינֶע הֶענְט, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוּן שִׁיק דִי וָואלְקֶענֶעס זָאלְן אוּנְז בַּאגִיסְן מִיט רֶעגְן וַואסֶער, מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען טוּבְלְ'ן אוּמְגֶעשְׁטֶערְט", אַזוֹי וֵויינְט עֶר זִיךְ אוֹיס פוּן הַארְצְן טִיף, וֶוען פוּן זַיינֶע אוֹיגְן גִיסְן זִיךְ טְרֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַ רוּף!

עֶר וֵויינְט אוּן וֵויינְט אוּן... זַיין תְּפִלָּה אִיז גֶעוָוארְן אָנְגֶענוּמֶען! נָאךְ יֶענֶעם טָאג אִיז גֶעוָוארְן דֶער הִימְל בַּאדֶעקְט מִיט וָואלְקֶענֶעס בְּרֶענְגֶענְדִיג מִיט זִיךְ גִּשְׁמֵי בְּרָכָה. אַלֶע גְרִיבֶּער הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעפִילְט מִיט וַואסֶער בְּשֶׁפַע, אוּן דִי מִקְוֶה הָאט מֶען גֶעקֶענְט טוּישְׁן מִיט קְרִיסְטַאלֶע קְלָארֶע וַואסֶער.

אַלֶע חֲסִידִים לוֹיפְן אִין מִקְוֶה מִיט אַ שִׂמְחָה אַצִינְדֶער, אָבֶּער זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וֶוער עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם וואוּנְדֶער. נָאר וֶוען דֶער מִקְוֶה אִיד הָאט פַארְצֵיילְט ווִי מִיט זַיינֶע אוֹיגְן הָאט עֶר גֶעזֶען דִי טְרֶערְן גִיסְן פוּן דֶעם בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד, דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר גֶעטוּן בִּתְמִימוּת אוּן פוּן הִימְל הָאט מֶען זִיךְ דֶערְבַּארֶעמְט אוּן אָנְגֶענוּמֶען זַיינֶע בַּקָּשׁוֹת.

# הַקְדָּמָה

## פוּן גְאוֹן־עוּזֵינוּ מוֹרֵינוּ
## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב זיע"א
## דֶער גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד פוּן
## רַבֵּינוּ־הַקָּדוֹשׁ זיע"א

[פוּן עֶרְשְׁטְן דרוּק שְׁנַת תקע"ה]

די מַעֲשִׂיוֹת וָואס דָא שְׁטֵייעֶן אִין דֶעם סֵפֶר, אִיז אִין זֵיי דָא זֵייעֶר גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה! – סְ'אִיז אִין זֵיי בַּאהַאלְטְן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאכְן! – סְ'אִיז אִין זֵיי נִישְׁט פַארְהַאנְדְן אֵיין וָוארְט וָואס סְ'זָאל זַיין פָּשׁוּט!

אוּן אֲפִילוּ פְּרָאסְטֶע [פְּשׁוּטֶ'ע] מֶענְטְשְׁן, קֶענֶען זִיךְ אוֹיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען גְרוֹיס מוּסָר פוּן די מַעֲשִׂיוֹת! – וָוארְן די מַעֲשִׂיוֹת, הָאבְּן אַ גְרוֹיסְן כֹּחַ, אוֹיפְצוּוֶועקְן אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם שְׁלָאף – אַז מְ'זָאל חַס־וְשָׁלוֹם נִישְׁט פַארְשְׁלָאפְן זַיינֶע יָאהְרְן אוּמְזִיסְט!

אוּן וֶוער סְ'וִויל אַרַיינְקוּקְן אִין די מַעֲשִׂיוֹת מִיט אַן אֶמֶת אוֹיג, קֶען עֶר זֶעהְן אוּן פַארְשְׁטֵיין אַבִּיסְל, גָאטְ'ס גְרוֹיסְקַייט!

אֲפִילוּ פְּרָאסְטֶע [פְּשׁוּטֶ'ע] מֶענְטְשְׁן, קֶען זֵיי אוֹיךְ עֶפֶּעס אַ בְּלִישְׁטְשׁ טָאן 'ווינְקְן פוּן מוּסָר', אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ גוּט אַרוּמְקוּקְן: "וָואס דֶער תַּכְלִית אִיז פוּן דֶער וֶועלְט"! – אַז מְ'זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן אָפְּנַארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט! – אוּן מְ'זָאל טָאג אוּן נַאכְט תְּפִילָּה טָאן: "אַז מְ'זָאל נִיצוֹל וֶוערְן פוּן די נַארִישְׁקַייט פוּן דֶער וֶועלְט"! – אוּן מְ'זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַזוֹי־ווי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ ווִיל.

אוּן וַוייטֶער וָואס אִין די מַעֲשִׂיוֹת אִיז פַארְהַאנְדְן בַּאהַאלְטֶענֶע זַאכְן – דָאס קֶען מֶען נִישְׁט דֶערְשְׁרַייבְּן, אוּן נִישְׁט דֶערְצֵיילְן! – אַז וואוּיל אִיז דֶעם, וָואס עֶר וֶועט אִין זֵיי עֶפֶּעס ווִיסְן!

אוּן וַוייל מִיר הָאבְּן אַמָאל גֶעהֶערְט פוּן זַיין מוֹיל, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אַז עֶר הָאט חֵשֶׁק, אַז מְ'זָאל די מַעֲשִׂיוֹת דְרוּקְן, פוּן 'אוֹיבְן' זָאל זַיין אוֹיף 'לְשׁוֹן־הַקּוֹדֶשׁ', אוּן פוּן 'אוּנְטְן' אוֹיף 'טַייטְשׁ'! – דְרוּם [דֶערִיבֶּער] הָאבְּן מִיר זַיין הֵיילִיגְן רָצוֹן מְקַיֵּים גֶעוֶוען, אוּן מִיר הָאבְּן זֵיי אַזוֹי גֶעדְרוּקְט!




וָוארְן פְּרָאסְטֶע [פְּשׁוּטֶ'ע] מֶענְטְשְׁן בַּאדַארְפְן אוֹיךְ ווִיסְן פוּן די מַעֲשִׂיוֹת! – כָאטְשֶׁע זֵיי וֶועלְן גָאר קַארְג [וֶוויינִיג] פַארְשְׁטֵיין, וָואס מְ'מֵיינְט, אוּן וואוּהִין די מַעֲשִׂיוֹת דֶערְלַאנְגְן – אִיז פָארְט פַאר זֵיי אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה צוּם תַּכְלִית, אַז זֵיי וֶועלְן אִין זֵיי אַרַיינְקוּקְן מִיט אַן אֶמֶת אוֹיג! – וָוארְן זֵיי הָאבְּן אַ גְרוֹיסְן כֹּחַ צוּ דֶערְוֶועקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן כַּנַּ"ל [ווי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]! – וָוארְן די מַעֲשִׂיוֹת, זֶענֶען נִישְׁט קֵיין לֶערֶע [לֵיידִיגֶע] זַאכְן חַס־וְשָׁלוֹם!

אוּן דֶער רַבִּי עָלָיו־הַשָּׁלוֹם – פְלֶעגְט אַלֶעמָאל נָאךְ דָאס רוֹב מַעֲשִׂיוֹת, צוּ זָאגְן עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים אוּן עֶטְלִיכֶע זַאכְן! כְּדֵי מְ'זָאל ווִיסְן: אַז עֶר רֶעדְט נִישְׁט קֵיין דְבָרִים־בְּטֵלִים חַס־וְשָׁלוֹם – הָאט עֶר אַבִּיסְל

גֶעוִויזְן וִינְקְן [רְמָזִים], וואוּהִין זֵיי דֶערְלַאנְגְן – וָוארְן [וַוייל] דִי אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת, זֶענֶען דוּרְךְ [לוֹיטֶער] סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה!

## דֶער רֶבִּי זיע"א הָאט גֶעזָאגְט:

## "הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט דְרַיי זַאכְן, אַנְדֶערְשׁ וִוי דִי וֶועלְט זָאגְט"!

(א) דִי וֶועלְט זָאגְט: "אַז סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיוֹת אִיז מְסוּגָל אוֹיף אַיינְצוּשְׁלָאפְן"! אוּן אִיךְ זָאג: "אַז דוּרְךְ סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיוֹת, וֶועקְט מֶען אוֹיף מֶענְטְשְׁן פוּן זֵייעֶר שְׁלָאף"!

(ב) דִי וֶועלְט זָאגְט: "אַז פוּן דֶערְצֵיילְן זַאכְן וֶוערְט מֶען נִישְׁט גֶעהָאלְפְן מִיט קִינְדֶער (פוּן זָאגְן, וֶוערְט מֶען נִישְׁט טְרָאגְן)"! – אוּן אִיךְ זָאג: "אַז פוּן דֶערְצֵיילְן זַאכְן פוּנֶעם צַדִיק, וָואס עֶר וֶועקְט דֶערְמִיט אוֹיף מֶענְטְשְׁן פוּן זֵייעֶר שְׁלָאף, קוּמְט דוּרְכְדֶעם 'פְּקִידַת עֲקָרוֹת' [גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער]"!

(ג) דִי וֶועלְט זָאגְט: "אַז דֶער אֶמֶת'ער גְרוֹיסֶער צַדִיק, דַארְף נִישְׁט הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט, וַוייל צוּ וָואס דַארְף עֶר גֶעלְט"?! – אוּן אִיךְ זָאג: "אַז עֶס אִיז פַארְהַאן אַזַא סָארְט הִתְבּוֹנְנוּת [זִיךְ פַארְטִיפְן אִין דִי תּוֹרָה], וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן דֶערְצוּ דִי גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן פוּן דִי וֶועלְט"! [זֶעה לִקּוּטֵי־מוֹהֲרַ"ן ח"א תּוֹרָה ס']

נָאךְ הָאט רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ גֶעזָאגְט, לְגַבֵּי דֶעם וָואס זַיין רָצוֹן אִיז גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל דְרוּקְן דִי סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיוֹת אוֹיךְ אוֹיף אִידִישׁ טַייטְשׁ וָואס מִיר רֶעדְן דֶערְמִיט: "אַז עֶס קֶען גְרִינְג גֶעשֶׁעהְן, אַז אַ פְּרוּי וָואס אִיז אַן עֲקָרָה [חָלִילָה], זָאל לֵיינֶען דֶערִין עֶפֶּעס אַ מַעֲשֶׂה, אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועט זִי גֶעהָאלְפְן וֶוערְן צוּם גוּטְן אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער"!

('חַיֵּי־מוֹהֲרַ"ן' אוֹת כה)

מֶען הַאלְט טַאקֶע יֶעצְט בַּיים אָנְהֵייבּ סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת, לָאמִיר זִיךְ בַּאנֵייעֶן יֶעדֶער אֵיינֶער בְּלִי יוֹצֵא מִן בְּכְלַל, מַאכְן אַ נַייעֶ הַתְחָלָה אִין רֶבִּי'נְס סְפָרִים, וָואס וֶועט זִיכֶער זַיין אַ גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּן פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן אַ רִיכְטִיגֶע הֲכָנָה צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה.



המשך פון זייט 1

װעלְטְן צוּ מְבַטֵּל זַיין דִי גְזֵרָה, אִיז גֶעשֶׁען דֶער נֵס פוּן מָסַרְתָּ גִבּוֹרִים בְּיַד חַלָּשִׁים וּטְמֵאִים בְּיַד טְהוֹרִים וְכוּ׳ װֶען קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶע׳חָלוֹמְ׳ט אוֹיף אַזַא סָארְט נֵס.

מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דֶעם אַז אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז צוּ מַאכְן תְּפִלּוֹת אוּן בֶּענְקֶען אוֹיף דִי יְשׁוּעָה, אַזוֹי וִוי ר׳ נָתָן שְׁרַייבְּט אִין דֶער הַקְדָּמָה אוֹיף סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, אַז דִי עֶרְשְׁטֶע מַעֲשֶׂה גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אִיד, אוֹיבּ װֶעט עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין סוּר מֵרָע וַעֲשֵׂה טוֹב װֶעט עֶר צוּם סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי מַלְכָּה פוּן דֶער נִישְׁט גוּטֶער אוּן צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען צוּ אִיר פָּאטֶער, וָואס דָאס אִיז מְרַמֵּז אַז אוּנְזֶערֶע נְשָׁמוֹת װֶעלְן זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז בְּקָרוֹב מַמָּשׁ זָאל מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט װֶערְן פוּן גָלוּת אוּן דִי שֵׁיינְקַייט אוּן לִיכְטִיגְקַייט פוּן דִי צַדִּיקִים זָאל נִתְגַּלֶּה װֶערְן אוֹיף דֶער גַאנְצֶער װֶעלְט. אָמֵן וְאָמֵן.

## די צווייטע הקדמה פון מוהרנ״ת (אויף לשה״ק)

**א. אויף וואס איז מרמז די בת מלך לויט ווי ר׳ נתן שרייבט אין די הקדמה?**
- ❑ די שכינה און כנסת ישראל
- ❑ תורה ומצות
- ❑ תפלה און תשובה

**ב. ווער נעמט ארויס די שכינה פון גלות?**
- ❑ נאר די גרויסע צדיקים
- ❑ נאר די תלמידי חכמים
- ❑ יעדער איד מיט זיין עבודת השי״ת

**ג. מיט וואס נעמט מען ארויס די שכינה פון גלות?**
- ❑ מיט סור מרע
- ❑ מיט עשה טוב
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד. וויאזוי איז דער סדר פון בעל דבר איבערצורעדן א מענטש?**
- ❑ ער נארט אים, צוביסלעך צוביסלעך ביז ער פאלט דורך
- ❑ ער רעדט אים גלייך איין צו טוהן קעגן רצון השם ח״ו
- ❑ ער צווינגט אים צו טוהן קעגן רצון ה׳

**ה. וואס איז די עצה צו געראטעוועט ווערן פון דעם בע״ד?**
- ❑ נישט זיך צו טענה׳ן מיט אים
- ❑ זיך פארנעמען די קאפ מיט תורה אדער משא ומתן אדער שיחת חברים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ו. וואס דארף מען זיין כדי צו מנצח זיין דעם בע״ד?**
- ❑ א גרויסע עושר
- ❑ א גרויסע וותרן
- ❑ א גרויסע עקשן אהן א שיעור

**ז. וואס געשעהט ווען מען איז זיך נישט מייאש און מען זוכט און מען זוכט?**
- ❑ אז די מניעות ווערן גרינגער
- ❑ אז די מניעות ווערן בטל
- ❑ אז די מניעות ווערן איבער געדרייט צו א הילף

**ח. וואס קען זיך יעדער איד ארויסנעמען פון די מעשה?**
- ❑ רמזים צו עבודת השם
- ❑ התעוררות נפלא
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ט. וואס קען מען זיך לערנען פון די מעשה פון חכם ותם?**
- ❑ אז דער עיקר תכלית איז צו גיין בתמימות
- ❑ וואונדערליכע רמזים זיך צו שטארקן אין די וועגן פון תמימות
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. ווער קען זיך ארויס נעמען מוסר פון די מעשיות?** (הקדמה אויף אידיש)
- ❑ נאר גרויסע צדיקים
- ❑ נאר תלמידי חכמים
- ❑ אפי׳ פראסטע מענטשן

**יא. ווען האט דער רבי׳ געזאגט היינט האב איך געזאגט דריי זאכן אנדערש פון דער וועלט?** (עין חיי מוהר״ן אות כ״ה)
- ❑ פאר דער רבי׳ האט געזאגט תורה ס׳
- ❑ נאך דער רבי׳ האט געזאגט תורה ס׳
- ❑ נאך דער רבי׳ האט געזאגט תורה רפ״ב

**יב. וואס איז די ערשטע זאך וואס דער רבי׳ האט געזאגט אנדערשט פון דער וועלט?** (עין חיי מוהר״ן כ״ה)
- ❑ די וועלט זאגט אז מעשיות העלפט איינשלאפן און איך זאג אז ס׳וועקט אויף
- ❑ די וועלט זאגט אז מעשיות וועקט אויף און איך זאג אז ס׳העלפט איינשלאפן
- ❑ די וועלט זאגט אז מעשיות העלפט איינשלאפן און איך זאג אז נישט

**יג. וואס איז די דריטע זאך וואס דער רבי׳ האט געזאגט אנדערש פון דער וועלט?** (עין חיי מוהר״ן כ״ה)
- ❑ די וועלט זאגט אז א גרויסער אמת׳ער צדיק דארף נישט האבן אסאך געלט און איך זאג אז ער דארף האבן כל הון דעלמא
- ❑ די וועלט זאגט אז א גרויסער אמת׳ער צדיק דארף האבן אסאך געלט און איך זאג אז ער דארף האבן כל הון דעלמא
- ❑ די וועלט זאגט אז א גרויסער אמת׳ער צדיק דארף האבן כל הון דעלמא און איך זאג אז ער דארף נישט האבן אסאך געלט

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72

646-518-1095 1-518-329-9149

?

בעז"ה

# טייערע ברסלב'ע אינגלעך

## דיינע חברים פון

**בית שמש · ירושלים · בראכפעלד · צפת · בני ברק · ביתר**
**אלעד · הר יונה · לאנדאן · מאנטשעסטער · וויליאמסבורג**
**מאנסי · בארא פארק · קרית יואל · מאנטריאל**
**קרית טאהש · לעיקוואוד · אנטווערפן**

## האבן אנגעהויבן לערנען ספר הקדוש סיפורי מעשיות און פארהערן זיך. וואו ביסטו אין דער וועלט?!

02-5-3333-72

1-518-329-9149




דעם רבינ'ס ליכט

דעם רבינ'ס מעשיות